אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה' אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב ה' וַיִּשְׁמָע



# א דערהער
## אויף יום טוב

### פסח

גליון ה'




געשריבן און ארויסגעגעבן דורך:

**הרב אליהו יואל גליק**


באזירט אויף די שיעורים
און מאמרים פון
הגה"צ אבד"ק
**ברכת מנחם**
שליט"א

כל הזכיות שמורות

להערות והארות
וכן לקבל הגליון ע"י אימעיל
Ahderher@gmail.com
או אל:
414.533.7437

Design & Layout
sales@imagendesign.net

הגליון י"ל מדי שבועיים בס"ד

# יו"ט פסח

# די אהבה פון השי"ת צו זיינע קינדערלעך אין גלות

## בענקשאפט צווישן אייבערשטן און כלל ישראל

אידישע קינדער זענען טאקע פארכאפט אין גלות. מיר זענען טיף אין די עיקבתא דמשיחא. מיר זענען שוין באלד צוויי טויזנט לאנגע פיינפולע יארן ווייט פון א בית המקדש און א קרבן פסח. די טונקלקייט איז אזא לאנגע און טיפע. וואו טרעפט מען היינט אביסל ליכטיגקייט? וואו קענען מיר זיין נענטער און שפירן קירבת אלקים?

דער אייבערשטער שטייט אבער דער אנדערער זייט פון דעם אייזערנעם מויער און די שכינה וויינט נאך אונז פיל מער ווי אונז. די שכינה הק' איז אויך אין גלות, דער אייבערשטער וויל אונז האבן

נענטער, ער וויל זיך פאראייניגן מיט אונז ביים דריטן בית המקדש וואו מיר וועלן פאר אים מקריב זיין דעם קרבן פסח, וואו מיר וועלן ווערן אזוי נאנט צו קוב"ה ושכינתיה.

## אוי גלות!

מיר זענען היינט אין גלות אזוי ווי די אידן זענען געווען אין גלות מצרים. מיר זענען קנעכט צו א גלות וואס מוטשעט און באדראעט די ריינע אידישע נשמה. אין מצרים האט מען געשלאגן אידן, היינט שלאגט מען אויך אידן. **אבער נאך מער זענען מיר אין א סכנה פון דער נשמה,** וואס פלאטשקעט אין גוי'שע שטעט און גאסן. הונגעריגע נשמות וואס שרייען אפילו אן שפירן אז זיי ווילן זיין גוט, זיי ווילן טון דעם רצון ה'. אוי טאטעניו, געוואלד, העלף אונז, מיר זאלן חלילה נישט דערטראנקען ווערן אונז מיט אונזערע קינדער אין די נ' שערי טומאה.

## דער אייבערשטער הערט אונז

דער אייבערשטער הערט אונז. מיר גלייבן אז ער הערט יעדע אידישע תפילה. ער הערט ווי מיר ווילן זיין נאנט און ערליך. ער הערט אונזער גלות געשריי איבער דעם הויכן מויער. דאס קול קען איבערשפרינגען די גרעסטע מויערן, און דער אייבערשטער דער שומע תפילת כל פה הערט יעדע אות, און יעדע קרעכץ אפילו אָן אן אות, און העלפט די וואס בעטן מיט אן אמת ארויסצוקומען פון דעם גלות פרטית און דעם גלות כללית פון כלל ישראל.

## השי"ת'ס ליבשאפט צו אונז

דער אייבערשטער האט אונז אזוי שטארק ליב אזש מיר קענען דאס נישט משיג זיין. **זיין אהבה איז פיל**

**העכער פון וואס א מענטש קען נאר שפירן. זיין ליבע פאר זיין פאלק ישראל איז עד אין סוף. ער בענקט נאך אונז ווי א טאטע וואס האט פארלוירן זיין קינד צוויי טויזנט יאר צוריק, אבער ער בענקט און וויינט נאך זיין קינד מיט אהבה טרערן ווי עס וואלט געשען היינט.**

**אט דאס און פיל מער איז די אהבה אונזער ליבער הייליגער באשעפער האט צו אונז יעדן טאג, יעדע שעה, יעדע מינוט און יעדע רגע. ער וויל אונז געבן און העלפן. ערווארט אז מיר זאלן מעורר רחמים זיין מיט תפילה. ער האט אונז ליב נישט קיין חילוק ווי אזוי מיר זעען אויס און אין סיי וועלכן מצב מיר געפינען זיך, ווייל א טאטע בלייבט א טאטע, ער ליבט זיינע קינדער אפילו ווען זיי זענען נעבעך טיף פארזינקען אין גלות.**

# די געוואלדיגע רחמנות אפילו אויף א חוטא

ווען א מענטש ברעכט חלילה א געזעץ פונעם קעניג ווערט ער גלייך דן למיתה, אדער ווארפט מען אים אריין אין תפיסה. **דער באשעפער אבער איז ווי א טאטע וואס פארשטייט און פארזעט ווען זיין ליב קינד פאלט אמאל דורך, ער גיט אים ווייטער גוטס און האלט די טיר אלעמאל אפן פאר תשובה.** ער זוכט דאס קינד זאל צוריקקומען און ער בענקט דאס קינד זאל זיך אומקערן צו אים. די טיר פון תשובה בלייבט אלעמאל אפן, און די הענט פון כביכול זענען אלעמאל אויסגעשפרייט מקבל צו זיין יעדעס אידיש קינד צוריק אין זיינע הייליגע ליבליכע הענט כביכול.

דער חתם סופר זאגט אז דער עיקר נס פון פורים האט זיך אנגעהויבן ביי דער סעודה פון אחשורוש ווען ושתי האט נישט געוואלט קומען, וואס דורך דעם האט אחשורוש איר גע'הרג'עט און ער האט געדארפט טרעפן א נייע כלה, וואס איז צום סוף געווען אסתר וואס דורך איר איז געקומען די ישועה. אבער דער אנהייב נס איז געווען שלא כדרך הטבע מיט דעם וואס א מלכה וואס באשיינט אלעמאל די סעודה פון א

קעניג האט נישט געוואלט קומען אפילו זי האט פארשטאנען אז זי גייט גע'הרג'עט ווערן. דאס איז געווען דער אנהייב און דער עיקר נס.

קומט אויס, זאגט דער חתם סופר, אז ביי דער זעלבער סעודה וואו אידן זענען געקומען זינדיגן, דארט בשעת זייער מעשה עבירה האט זיך שוין אנגעהויבן דער נס זיי צו ראטעווען. **דאס איז א פלא עצומה וואס ווייזט די געוואלדיגע אהבה פון השי"ת צו זיינע קינדער.** בשעת זיי זיצן און זענען נהנה פון דער סעודה פון אחשורוש, וואס ברענגט אויף זיי א חרון אף און א צרה דורך המן האגגי, דארט ווערט שוין געבוירן די ישועה פאר דער מכה, פאר דער גזירה.

דאס ווייסט אויף אן אהבה פון אייבערשטן צו כלל ישראל אין וואס מיר האבן נישט קיין השגה, ווייל וועלכע טאטע גיט זיין קינד א מתנה בשעת דאס קינד שטויסט אים? עס איז נאר דא איין אזא טאטע, אונזער לעכטיגער טאטע אין הימל.

# דער זמן פון גאולה אפילו מ'איז נישט ראוי

דער יום טוב פסח, דער יו"ט ווען דער באשעפער האט ארויסגענומען די אידן פון גלות מצרים, איז דער זמן וואס איז מוכשר אז **דער מענטש זאל ארויסגיין פון זיין אייגענעם גלות.** ווען דער מענטש אנערקענט ווי שטארק דער אייבערשטער וויל אים און דארף אים, הייבט דאס אן צו ציען פון ביידע זייטן. **אז א מענטש לעבט דארף אים דער אייבערשטער און די גאנצע בריאה האבן,** ווייל יעדע אידישע נשמה איז קעגן איין אות אין דער תורה און אז עס פעלט איין אות איז דער ס"ת, כלל ישראל, נישט גאנץ.

דער איד דארף אין די הייליגע פסח טעג געדענקען אז אפילו די אידן אין מצרים זענען געווען פארזונקען גאר טיף אין די טומאת מצרים און עס האט אויסגעזען ווי א גלות אָן אן עק פון פיזישע שווערע ארבעט און שרעקליכע נסיונות אין קדושה, אפילו אזוי האט דער אייבערשטער זיי ארויסגענומען.

אויך היינט, אפילו עס זעט אויס ווי מען קומט חלילה נישט אן אין ערגעץ מיט קדושה, לימוד התורה און תפילה וכדומה, טאר מען נישט פארגעסן אט דעם מעסעדזש וואס די פסח טעג דערציילן אונז. זיי דערציילן אונז אז אונזערע עלטערן זענען געווען פונקט אזוי פארזונקען אָן קיין האפענונג ווען פלוצלינג איז די ישועה געקומען פון הימל ארויס, קודם מיט די צען מכות און שפעטער מיט די אנדערע געוואלדיגע ניסים ביז׳ן אונז מקדש זיין ביים הר סיני מיט זיין הייליגע תורה.

אדער וואו ער האלט.

א איד קען דורכפאלן, אבער א איד איז קיינמאל קיינמאל נישט א דורכפאל. דער אור ה׳ וואס פלאקערט אין אים ווערט קיינמאל נישט פארלאשן. ער קען זיך אלעמאל ארויסזען פון זיין דלות מיט נייע קבלות און תפילות פאר סייעתא דשמיא צו זיין טאטן אין הימל וואס האט אים אזוי שרעקליך ליב, וואס האט אים ליב ווייל ער איז זיין ליב קינד, און ער ווארט יעדע מינוט מיט בענקשאפט אז ער זאל זיך צוריקקערן צו אים.

## א איד קען דורכפאלן, אבער א איד איז קיינמאל נישט א דורכפאל

א איד טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין פון זיין שטאנד אין רוחניות. זיין נשמה איז א הייליג פייער וואס קאכט און פלאמט אפגעזען וואס מיט אים גייט פאר

## די גאולה העתידה וועט זיין אזוי ווי גאולת מצרים

גלות גלות, ווי גרויס ביסטו, אבער איין זאך איז פיל פיל גרעסער ווי דעם גלות, דאס איז די אהבה וואס דער באשעפער האט צו אונז אויך טאקע דא אינעם גרויסן גלות.

כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת, זאגט דער נביא מיכה (ז, טו). אזוי ווי אין די צייטן פון יציאת מצרים האבן מיר געזען וואונדער ווּעלן מיר נאכאמאל זען וואונדער ווען מיר וועלן ווערן אויסגעלייזט. פשט קען זיין אז אזוי ווי דעמאלט ווען מיר זענען געווען טיף אין גלות מצרים זענען מיר געווארן אויסגעלייזט אפילו מיר זענען נישט געווען ראוי דערצו, דאס זעלבע וועט דער אייבערשטער אונז יעצט נאכאמאל אויסלייזן אפילו מיר זענען נאך ליידער נישט זוכה, ווייל ער האט אונז ליב יעצט פונקט ווי דעמאלט.

## ישועות אויף בארג

מיר זאגן אין דעם פיוט פון שבת החודש "החודש אשר ישועות בו מקיפות", אז חודש ניסן איז א חודש וואס איז ארומגענומען מיט ישועות. דער הייליגער ר' ברוכ'ל מעזשיבוזשער זי"ע האט געטייטשט אז מקיפות איז אויך א לשון פון בארגן, דאס הייסט אז דער אייבערשטער בארגט ארויס ישועות אפילו מען איז יעצט נאך נישט ראוי, אזוי ווי דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט די אידן פון מצרים אפילו זיי זענען נאכנישט דעמאלט געווען ראוי נאר על דעת העתיד אז די אידן וועלן ווערן הייליג און מקבל זיין די תורה ביים בארג סיני.

שֶׁבְּשִׁפְלֵנוּ זָכַר לָנוּ, אפילו אין אונזער שפלות פון מצרים האט אונז השי"ת געדענקט און אויסגעלייזט. **דאס זעלבע וועט דער אייבערשטער אונז אויסלייזן ביי דער גאולה על דעת דעם עתיד אז מיר וועלן אים דינען בקדושה ובטהרה נאך דער גאולה שלמה, ווייל ער האט אונז ליב און ער ווייסט אז טיף באהאלטן ווילן מיר אים באמת דינען און זיין נאנט מיט אים מיט'ן גאנצן הארץ.**

## די לעקציעס פון די מצות החג

ווען מען זיצט ביים סדר און מ'נעמט אריין אין זיך די ד' כוסות, די

מצה, די מרור און די אנדערע מצוות החג, נעמט מען אין זיך אריין פיל מער ווי הייליגע מאכלים, מען **נעמט אריין אין זיך די לעקציעס פון גאולת מצרים**, מען איז מעורר ביי זיך די גאולה שלמה און א בענקשאפט צום אייבערשטן וואס דער אייבערשטער זעט און שענקט דורך דעם ישועות אין דעם חודש פון ניסן און א גאולה שלמה בקרוב.

די מצה ווייזט אויך אויף דעם. די מצה האט נישט געהאט קיין צייט זיך אפצובאקן, און דאך איז עס די עיקר מצוה פון יו"ט פסח. **דאס ווייזט אז אויך ווען א אידיש קינד איז נישט אינגאנצן מוכשר פאר דער גאולה איז ער הייליג און לעכטיג און זיין נשמה שיינט**, ער דארף עס נאר אנערקענען און ציען און בעטן צום אייבערשטן.

# מרעיש עולמות אפילו אין דער פינסטער

עס איז באקאנט די מעשה פון דעם עם הארץ וואס האט אפגעדאוונט דעם גאנצן סידור יעדן טאג מיט הלל, ברכת מגילה, חנוכה ליכט צינדן אא"וו, אָן וויסן וואס פינקטליך ער דארף זאגן, אבער מיט זיין תמימות האט ער מרעיש עולמות געווען.

אסאך מאל זענען אידישע קינדער צעמישט, מען ווייסט נישט וואס צו טון, וויפיל צו טון און ווען צו טון, מען איז אין דער פינסטערניש, מען ווייסט נישט וואו זיך אהינצוטון, אבער אז מען ציט צום אייבערשטן, מען דאוונט און מען זוכט קירבת אלקים און מען וויל ארויסגיין פון דעם אייגענעם גלות, איז מען מרעיש עולמות, אפילו אויב מען לעבט אין א דור מיט אזא גרויסן הסתר פנים.

# כדי מיר זאלן נישט איינשלאפן

אין דער הייליגער נאכט פון פסח ווען מיר ווערן דערהויבן ווי מלאכים מיט ווייסע קיטלעך, לאמיר בעטן ביים באשעפער אז מיר זאלן חלילה נישט איינשלאפן אין דעם לאנגן גלות.

ליבער טאטע אין הימל, ווען עס קומט אראפ די השראה פון גאולה אין דער נאכט פון פסח, העלף מיר זאלן זיך קענען מיטכאפן און דערשפירן און טרעפן די אייגענע גאולה. מיר לעכצן און בענקען נאך דיר, טאטע, דא פון דער אנדערער זייט וואנט וואס איז שוין צוויי טויזנט יאר הויך. ווען אליהו הנביא קומט אריין צו אונז פסח ביינאכט לאז אים נישט קומען איינער אליינס, שיק מיט משיח בן דוד ער זאל אונז שוין אויסלייזן און פאראייניגן מיט דיר.

רייס אראפ די שטיינער פון דער הויכער וואנט איינס ביי איינס, און בוי מיט זיי דעם בית המקדש השלישי במהרה. וואש אויס אונזער נשמה און אונזער הארץ מיט דיין לויטערער ליכטיגקייט און אהבה, ווייל נפשי חולת אהבתך, אונזער נפש איז קראנק און גייט אויס פאר דיין אהבה, ווייל טיף באהאלטן אין אונז ציען מיר צו דיר מיט יעדע טראפ אלוקית דו האסט באהאלטן אין אונז.

עפן דעם הימל, פארטרייב די גלות וואלקענעס און וויז אונז דיין כבוד און דיין שטארקייט. זאל די גאנצע וועלט זען אז דו ביסט דער איינציגער גאט און אונזער גאט, ווייל אויף אייביג וועסטו זיין אונזער טאטע, אפילו ווען מיר זענען חלילה אין א שווערן מצב, און אויף אייביג וועלן מיר זיין דיינע קינדערלעך, אפילו אויב דו ביסט אזוי שטארק באהאלטן.

מיר האבן שוין אויסגערייניגט יעדע ברעקל חמץ פון אונזערע הייזער, יעצט רייניג אויס יעדע ברעקל חמץ פון אונזער הארץ. העלף אז אונזער נשמה זאל ווערן שניי ווייס ווי אונזער קיטל. ברענג אונז נענטער, זיסער טאטע, צו דיר דורך דער גאולה שלימה.

עס איז שוין צו לאנג, עס איז שוין צו ווייטאגליך. מיר קענען נישט ווארטן מער! עס איז שוין צייט! מיר ווילן דיך, נאר דיך, אט היינט, ממש יעצט.

# שביעי של פסח

## טון דעם רצון ה' מיט שמחה

### שירה אויפ'ן ים

די טונקעלע נאכט שיינט ווי עס וואלט געווען טאג. וואלקנס פון די שכינה הקדושה נעמען ארום די אידישע קינדער פון אלע זייטן. די פשוט'ע מענטשן ביז די דינסטן זעען אן אפענעם הימל ווי מ'קען כביכול זען דעם הייליגן גרויסן באשעפער אליינס וואס האט ארויסגענומען די אידן פון מצרים פאר עטליכע טעג צוריק, און יעצט געשפאלטן דעם ים ווען אלע צוועלף שבטים באזונדער גייען אדורך אין איר.

אויסגעשפיגענע מצריים ליגןביים בארטן פון טייך, מיט רעדער און צעבראכענע וועגענער. מען קען טאפן נבואה און קדושה אין דער לופט. מען איז ווי א טייל פון א התגלות אלוקית וואס נעמט אריין יעדע איינציגע גיד און אבר אין דעם ריזיגן ציבור פון אידישע קינדער, געוועזענע קנעכט און הייניגע בני חורין.

די שמחה איז א שמחה פאר אזוי פיל סיבות. גשמיות׳דיגע אז מען איז מער נישט קיין קנעכט, אבער נאכמער רוחניות׳דיגע, אז מען איז נתקרב געווארן צום אייבערשטן אויף אזא הויכע הייליגע דרגא וואס מען שפירט אין יעדן צעל פון דעם מציאות.

פון א טומאה אזוי נידריג, צו קדושה אזוי לויטער, הייליג און הויך. מען איז ווי אין א חלום צוזאמען מיט אלע אידןביים אנדערן זייט ים סוף, דער זייט קיין הר סיני, דער זייט קיין ארץ ישראל. מצרים מיט איר טומאה, מיט איר פרעה און עבודה זרות זענען געבליבן אויף דער אנדערער זייט, ווייט אוועק פון אידישע קינדער.

א רויך פון פייער הייבט זיך דארט אין דער הינטגרונט איבער׳ן לאנד מצרים. דער אייבערשטער פארברענט די גאסן פון מצרים, די לעצטע מכה פון א לאנגע קייט פון מכות, וואס דער אייבערשטער האט געגעבן מיט זיין גרויסער האנט און מיט זיין גרויסן הייליגן כח.

מען שפירט אזוי נאנט, אזוי ספעציעל צו זיין דאס אידישע פאלק, צו זיין קינדער און קנעכט פון אט דעם גרויסן באשעפער וואס האט די נאכט געשאקלט די גאנצע וועלט מיט זיין גרויסקייט. יא, קוקט אלע דארט אינעם פייערדיגן הימל, זעט דארט אונזער גרויסן באשעפער. מיר זענען די גרעסטע חשובים אין דער וועלט. מיר זענען זיינע קינדער. קוקט נאר, גוים, ווי דער אייבערשטער האט זיך אנגענומען פאר אונז און איבערגעדרייט די מעשה בראשית פאר זיינע ליבע קינדער. מיר זענען שטאלץ צו זיין זיינע קינדער און ער איז שטאלץ צו זיין אונזער טאטע.

און אט דאן, האט ארומגענומען כלל ישראל מיט זייערע נשמות א געזאנג פון נבואה און שמחה וואס די וועלט האט ביז דאן נאכנישט געשפירט, געזען אדער געהערט. א געזאנג פון א העכערן פלאץ איז אראפגעקומען ברוח הקודש און ארומגענומען כלל ישראל ביז דער טיפעניש פון זייער נשמה.

אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת, דאן האט משה רבינו און די אידישע קינדער געזונגען

דעם דאזיגן געזאנג. די שמחה האט געעפנט הערצער און זיי דערהויבן צו א פלאץ פון אפנקייט, ליכטיגקייט און נאנטקייט וואס מען קען נאר שפירן מיט נבואה. דער כח השמחה האט זיי דערגרייכט מיט איר גאנצן כח און זיי פארכאפט אין א וועלט וואס האט געשפירט ווי גן עדן, ווי די נשמה פון א איד שפירט אזוי איינס, אזוי הייליג און לויטער אז מ׳קען אויסגיין פון תענוג אינעם הייליגן באשעפער.

## מסירות נפש מיט שמחה

די אידן זענען נארוואס אריינגעטאנצן אין ים מיט מסירות נפש. דער ברויזנדער קאלטער ים איז געשפרונגען מיט כוואליעס קעגן די אידן אבער מיט מסירות נפש זענען זיי אריינגעטאנצן צו א כמעט זיכערן טויט, קיינער האט זיי נישט געזאגט אז עס גייט זיך שפאלטן, זיי האבן בכלל נישט געוואוסט פון דעם גרויסן נס וואס גייט אט קומען. עס איז געווען מסירות נפש ממש פאר׳ן בורא כל עולמים.

משה רבינו און די אידן האבן געוואוסט אז זיי האבן נארוואס געטון דאס גרעסטע וואס א איד קען באווייזן, מסירות נפש ממש, אבער זיי האבן געוואוסט עפעס נאך טיפער, די שמחה פון מקיים זיין אזא מסירות נפש איז דער צווייטער גאר וויכטיגער חלק פון מסירות נפש און פון יעדער מצוה. דער אייבערשטער האט אוודאי א געוואלדיגע נחת רוח ווען מען איז מקיים זיין רצון בפועל, **אבער ווען דער איד פרייט זיך נאך דער מצוה אז ער האט זוכה געווען צו מקיים זיין די מצוה אפילו ווען עס איז שווער, איז דאס די אמת׳ע שלימות פון דער מצוה.**

די מסירות נפש וואס די אידן האבן באוויזן האט זיי געברענגט א נס, אבער די שמחה וואס זיי האבן געהאט א גאנצע נאכט שביעי של פסח האט זיי געברענגט צו א שלימות, ווייל ווען דער איד איז בשמחה ביים טון א מצוה גרייכט ער מיט דעם כח אמת׳ע פרייליכע שלימות.

# א רוסישער סאלדאט מיט א לעכטיגן געזיכט

אין ספר "יהי אור" ווערט געברענגט א מעשה, אז איינמאל דעם ערשטן טאג סוכות האט דער הייליגער "יסוד העבודה" פון סלאנים זי"ע געטראפן אויפ'ן גאס א אידישן סאלדאט וואס איז נעבעך געווען פארכאפט אין דעם רוסישן מיליטער וואס זיין פנים האט געשיינט מיט א געוואלדיגער ליכטיגקייט.

"א גוט יום טוב!" האט דער יסוד העבודה אויסגערופן צו אים און דאן זיך אנגערופן, "איך זע אויף דיר א שטארקע ליכטיגקייט, איך בין זיכער אז דו האסט געטון עפעס גאר א גרויסע זאך אז דיין פנים זאל אזוי שיינען. וואספארא מצוה האסטו לעצטנס געטון?"

"רבי", האט דער אידישער סאלדאט געענטפערט, "נעכטן ביינאכט, די ערשטע נאכט סוכות איז געווען מיין רייע צו היטן אויף דער מיליטערישער באזע וואו איך בין איינגעשטעלט. עס האט מיר אבער געריסן ביים הארץ צו קענען מקיים זיין די מצוה פון סוכה און עסן א כזית אין דער סוכה און מאכן א לישב בסוכה. אויף דער אנדערער זייט פונעם הויכן צוים פון דער באזע איז געשטאנען א סוכה פון א איד, און איך האב געוואלט אהינלויפן מקיים זיין די מצוה פון סוכה, אבער דער גאנצער ארום איז געווען פול מיט סאלדאטן. יעדעס מאל איך האב געוואלט גיין זענען סאלדאטן אריבער. עס איז געווען א סכנה פאר מיין לעבן צו פארלאזן מיין ארט, אבער אוי האט מיך געצויגן די מצוה, איך האב עס נישט אויסגעהאלטן.

"און אט שפעט פינסטער אין דער נאכט, קארגע פופצן מינוט פאר חצות זענען אלע סאלדאטן ענדליך אהיימגעגאנגען. איך האב נישט געווארט א מינוט, און מיט פחד אין מיין הארץ און מיט מסירות נפש בין איך אריבערגעשפרונגען דעם הויכן גדר און אריינגעלאפן אין די הייליגע סוכה'לע אויף דער אנדערער זייט און מיט גרויס כוונה געמאכט קידוש און המוציא און א לישב בסוכה אויף א כזית ברויט און מקיים געווען די מצוה פון סוכה.

„דערנאך בין איך שטיל צוריקגעקראכן דעם צוים, צוריק צו דער באזע מיט א הארץ פול מיט שמחה אז איך האב זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה דאורייתא פון ישיבת סוכה".

# „אה, די שמחה של מצוה שיינט דירו!"

דער יסוד העבודה האט אויסגעהערט די געשיכטע און געזאגט, „קינד מיינס, גאר א גרויסע מצוה האסטו געטון. דיין מסירות נפש איז צום באוואונדערן, דיין מסירות נפש איז אויסערגעווענליך, אבער דיין פנים שיינט פיל מער ווי עס וואלט געדארפט שיינען נאך אזא מסירות נפש צו א מצוה. וואס נאך האסטו געטון וואס זאל מסביר זיין פארוואס דיין פנים שיינט מיט אזא ברייטער ליכטיגקייט?"

„רבי", האט דער איד געזאגט, „נאכ'ן מקיים זיין די מצוה מיט מסירות נפש איז מיר אן אומגעהויערע שמחה באפאלן אויף דער געוואלדיגער זכיה פון טון דעם רצון ה', אז איך האב זוכה געווען צו עסן אין א סוכה און מקיים זיין די מצוה מיט הידור, איך בין געווען אזוי בשמחה אז איך האב פשוט געטאנצט א גאנצע נאכט ביז אינדערפרי פאר דער זכיה בשעת מיין גאנצע וועזן טאנצט און שפרינגט אז עס איז מיר מיט חסד ה' געלונגען איבערצוטאנצן דעם גדר און מקיים זיין די מצוה אן דעם וואס איינער האט מיך געכאפט".

„אה", האט דער יסוד העבודה זי"ע אויסגעפירט, „אט די שמחה **של מצוה איז די סיבה פארוואס דיין פנים שיינט מיט אזא אומגעהויערער ליכטיגקייט. א שמחה פאר א מצוה איז נאך גרעסער ווי מסירות נפש פאר א מצוה.** דער עיקר פון א מצוה איז די שמחה של מצוה, צו ווייזן אז מען פרייט זיך צו טון דעם רצון ה' און מען טוט די מצוה מתוך אהבה. אט דאס איז די אמת'ע שלימות פון א מצוה, און אט דאס האט איבערגעלאזט אויף דיר א העכערע שיין וואס מען זעט פון דערווייטנס. אשריך, מיין טייער קינד, און א גוט יום טוב!"

# דער רצון ה' איז פיל מער ווי א געזעץ

ווען א קעניג אדער א רעגירונג גיט ארויס א באפעל נעמט עס דער המון אן געוועגליך ווי א שווערע זאך, ווי א געזעץ. ווען עס שטייט א שילד אויפ'ן שאסיי אז מען מעג נאר פארן ביז א געוויסע שנעלקייט, פארשטייט יעדער אז עס איז וויכטיג פאר דער פארזיכערונג פון די דרייווער, מען טוט עס אדער ווייל עס איז גוט, אדער ווייל מען מוז. קיינער גייט זיך אבער נישט פרייען מיט א שמחה איבער דעם געזעץ, קיינער מאכט נישט קיין לחיים אז ער האט מקיים געווען דאס געזעץ און געפארן נאר ווי שנעל עס איז ערלויבט.

**אבער א ציווי פונעם מלך מלכי המלאכים איז פיל מער ווי א ציווי. עס איז דא א סיבה צו זיין בשמחה און זיך פרייען ווען מען איז מקיים דעם רצון ה'.**

ווען מען איז מקיים דעם רצון ה' ווערט מען הייליגער און נענטער צום אייבערשטן, מען ווערט דערהויבן פון אלע פעלקער, מען ווערט א בעסערער מענטש און א בעסערער איד, מען איז זוכה צו גוטס בעולם הזה און גוטס בעולם הבא. עס איז דא גאר אסאך סיבות זיך צו פרייען. שמחה דארף זיין א חלק פון דער מצוה כדי עס זאל זיין א מצוה בשלימות.

# שמחה של מצוה אפילו אויף א קליינינקייט

דער בית אהרן פון קארלין האט דערציילט אז ווען ער איז געווען א יונגערמאן פלעגט ער מיט זיינע חברים די חבריא קדישא אויפשטיין צוויי אזייגער פארטאגס צו גיין אין בית המדרש און זיי פלעגן ממש אונטערטאנצן און גיין מיט א שמחה עצומה אז זיי זענען זוכה זיך צו היטן די אויגן, אפילו עס איז ממש נישט געווען פון וואס זיך צו היטן די אויגן אזוי פרי אין די גאסן פון קארלין.

"אבער די שמחה של מצוה מיר האבן דאן געהאט, אָן אפילו די מצוה

בעצם ווייל עס איז נישט געווען אזא נסיון, האט אונז געברענגט די גרויסע הייליגע מדריגות", האט דער בית אהרן געזאגט.

פון דער אנדערער זייט, האט דער בית אהרן ווייטער דערציילט, היינטיגע יונגעלייט וואס פירן גרויסע מלחמות מיט'ן יצר הרע און זענען געוואלדיגע עובדי ה' קומען אבער נישט אן אזוי הויך, ווייל אפילו זיי זענען זיך מוסר נפש פאר'ן אייבערשטן און ארבעטן גאר שטארק אויף זיך, קומען זיי נישט צו צו די מדריגות פון אמאליגע בני עליה, און די סיבה איז ווייל זיי שפירן נישט דעם גרויסן זכות און מורא'דיגע שמחה אין די מסירות נפש וואס זיי האבן. די מסירות נפש הייבט נאר א מענטש גאר הויך ווען עס קומט מיט א געוואלדיגער שמחה של מצוה, און די שמחה דארף מען האבן אפילו ביי קלענערע זאכן, ווייל דער עיקר איז די שמחה של מצוה ביים טון יעדע זאך פאר'ן אייבערשטן, סיי ווען עס איז מסירות נפש און סיי ווען עס איז א קליינע זאך ווי גיין אויף דער גאס און האבן שמירת עינים אפילו עס איז אינמיטן דער נאכט און עס איז נישט אזא מסירות נפש.

## שמחה של מצוה, דער וועג צו אמת'ע שלימות

אט דאס האט משה רבינו און די אידישע קינדער פארשטאנען ווען זיי האבן געזונגען די שירה ביים ים סוף. זיי האבן פארשטאנען אז אפילו זיי האבן געטון דאס אומגלויבליכע און אריינגעטאנצן אין ים מיט מסירות נפש, האבן זיי געוואוסט אז דער עיקר שלימות דארף זיין די שמחה של מצוה, ווייל נאר אזוי קומט מען אן צום אמת'ן שלימות.

### לערנען די קינדער וואס עס מיינט שמחה של מצוה

יעצט ווען מיר געפינען זיך אין די הייליגע טעג וואס זענען מעורר די כוחות פון משה רבינו און כלל ישראל, די טעג פון שירת הים, די טעג וואס מ'קען אזוי נאנט ווערן צום אייבערשטן, איז די צייט צו געדענקען און ארבעטן אויף אט דעם

ענין פון אמת'ע שמחה של מצוה.

מען איז טאקע מקיים אזוי סאך הייליגע מצוות אין די טעג. מען האט געארבעט שווער צו רייניגן דאס הויז, מען האט ארויסגעווארפן די חמץ און זיך מקדש געווען מיט די מצה, מען האט געטון אזוי פיל מצוות גרינגערע און אויך שווערע, אבער מען דארף געדענקען זיך צו פרייען מיט די מצוות, **ווייל די מצוה האט נאר א שלימות און הייבט דעם מענטש הויך נאר ווען ער טוט דאס מיט שמחה און אהבה.**

ווען אונזערע קינדער זעען די שמחה של מצוה אין שטוב לערנען זיי וואס עס מיינט אן ערליכער איד און ווי אזוי מען דינט דעם אייבערשטן באמת. **קינדער וועלן נאכקאפירן זאכן ווען זיי זעען אז עס איז געשמאק און אז דער טאטע און די מאמע פרייען זיך יעדן טאג אז זיי זענען אידן.** אויב זיי ווייזן ארויס אמת'ע שמחה ווען זיי זענען מקיים דעם רצון ה' סיי ווען עס איז שווער און אויך ווען עס איז גרינג, לערנט זיך דאס קינד צו טון מצות מיט שמחה אפילו ווען עס איז שווער, און דאס קינד לערנט זיך מחשיב צו זיין און טון קלענערע מצוות אפילו עס איז גרינג.

והגדת לבנך, דערצייל דיינע קינדער ווי אזוי זיך צו פירן נישט נאר בדיבור, נאר אויך במעשה. רעדן מיט'ן קינד איז זייער וויכטיג, אבער נאך וויכטיגער איז אים ווייזן ווי אזוי מען פירט זיך אליינס אויף. דאס לאזט אויפ'ן קינד גאר א גרויסע השפעה.

זאל דער אייבערשטער אונז געבן די כוחות הנפש אים צו דינען מתוך שמחה און מתוך אהבה, ווייל צו זיין א איד איז גוט און זיס. קרבת אלקים איז די גרעסטע זיסקייט אויף דער וועלט פאר דעם וואס איז זוכה דאס משיג צו זיין דורך שמחה של מצוה.